44 מורמלט נישט צווישן זיך. קיינער קען נישט קומען
צו מיר, אויב דער פֿאָטער, וואָס האָט מיך געשיקט,
ציט אים נישט; און איך וועל אים אויפֿשטעלן אין
45 דעם לעצטן טאָג. עס שטייט געשריבן אין די
נביאים: און אַלע וועלן זיין געלערנט פֿון ג־ט.
יעדער איינער, וואָס האָט געהערט פֿון דעם פֿאָטער
46 און האָט געלערנט, קומט צו מיר. נישט אַז עמיצער
האָט געזעען דעם פֿאָטער, אַ חוץ דער, וואָס איז
פֿון ג־ט; דער דאָזיקער האָט געזעען דעם
47 פֿאָטער. באמת, באמת זאָג איך אייך: דער מאמין
48 האָט אייביק לעבן. איך בין דאָס ברויט פֿון לעבן.
49 אייערע עלטערן האָבן געגעסן מן אין דער מדבר,
50 און זענען געשטאָרבן. דאָס דאָזיקע איז דאָס ברויט,
וואָס קומט אַראָפּ פֿון הימל, אַז ווער עס עסט
51 דערפֿון, זאָל נישט שטאַרבן. איך בין דאָס לעבעדיקע
ברויט, וואָס איז אַראָפּגעקומען פֿון הימל; אויב
עמיצער וועט עסן פֿון דעם דאָזיקן ברויט, וועט
ער לעבן ביז אויף אייביק; און דאָס ברויט, וואָס
איך וועל געבן, איז מיין פֿלייש, פֿאַר דעם לעבן
פֿון דער וועלט.
52 די יידן האָבן זיך דעריבער געאַמפֿערט איינער
מיטן אַנדערן, און געזאָגט: וויאַזוי קען דער דאָזיקער
53 אונדז געבן זיין פֿלייש צו עסן? האָט ישוע צו זיי
געזאָגט: באמת, באמת זאָג איך אייך: אויב איר
וועט נישט עסן דאָס פֿלייש פֿון דעם בן־אדם און
טרינקען זיין בלוט, האָט איר נישט קיין לעבן אין
54 זיך. ווער עס עסט מיין פֿלייש און טרינקט מיין
בלוט, דער האָט אייביק לעבן; און איך וועל אים
55 אויפֿשטעלן אין דעם לעצטן טאָג. וואָרום מיין
פֿלייש איז וואָרהאַפֿטיקע שפּייז, און מיין בלוט
56 איז וואָרהאַפֿטיק געטראַנק. דער, וואָס עסט מיין